אַלע ווערק פֿון

# ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

באַנד 3

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

# וויזיע און געדאַנק

אָפּהאַנדלונגען איבער שרייבער, ווערק
און שאַפונגס־פּראָבלעמען

א י ק ו ף - פ אַ ר ל אַ ג

דער באַנד איז צוגעגרייט צום דרוק דורך
נחמן מייזיל

דערשינען מיט דער הילף פון
יוסף מאָרגנשטערן (קליוולאַנד),
מינא סמאָליאר און פריינט
לזכרון פון יודל שאַפּיראָ, לאָס־אַנדזשעלעס.

און מיט דער מיטהילף
פון רייזיל וועקסלער א. אנד.
לזכרון פון יוסף וועקסלער, ניו־יאָרק.

*Copyright by*
YKUF FARLAG
New York, 1951

DR. CH. ZHITLOWSKY
VISIE UN GEDANK

209

PRINTED IN U.S.A.

געדרוקט מיט דער צושטימונג פונעם „ייוואָ“
אין הסכם מיט דער צוואה פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי

# וועגן דעם ווערט פון איבערזעצונגען

.1

די יידישע קריטיק, וואָס האָט שוין אַזעלכע ערנסטע פּאַרטרעטער, ווי בעל־מחשבות, ש. ניגער, בעל־דמיון און אַנדערע, באַהאַנדלט נאָך דערווייל די איבערזעצונגען ווי שטיף־קינדער פון דער יידישער ליטעראַטור. דער יידישער ביכער־מאַרק איז אין דער לעצטער צייט באַרייכערט געוואָרן מיט אייניקע ווערטפולע ווערק פון דעם אייראָפּייאישן שאַפן, וואָס שטייען, לויט זייער טאַלאַנט, געוויס ניט נידעריקער, איידער אונדזערע היימישע פּראָדוקטן, און פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט גערייצט די לוסט פון אונדזערע קריטיקער אָפּצושטעלן זיך אויף זיי.

פילן אונדזערע קריטיקער, אַז זייערע קרעפטן זיינען אָפּגעמאָסטן און קלעקן נאָר פאַר דעם אַנאַליז פון אונדזער אייגענער אָרעמקייט? געוויס ניט. ווער עס דענקט זיך אַריין אין די בעסערע קריטישע אַרבעטן פון אַ בעל־מחשבות, אָדער אַ ש. ניגער, מוז מודה זיין, אַז זיי וואָלטן געהאַט צו זאָגן אַן אייגן וואָרט אַפילו וועגן אַ שעקספּיר און אַ געטע. איך גלויב, אַז די אמתע קאַריפייען פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור וואָלטן זיי, אדרבה, געגעבן אַ סך אַ בעסערע געלעגנהייט פאַנאַנדערצוּוויקלען דעם קריטישן טאַלאַנט, איידער די דערווייל נאָך זייער ענגע וועלט פון דעם ריין־יידישן שאַפן. זיי שליסן זיך אָבער איין אין אונדזערע ענגע פיר ווינקעלעך, ניט דערפאַר ווייל די פליגלען זייערע זיינען צו קורץ און קאָנען זיי ניט אויפהויבן צו אַ גרעסערער הויך, נאָר ווייל די פיר ווינקעלעך זיינען אונדזערע, ווייל אין זיי דריקט זיך אויס די אייגענע יידישע אינדיווידואַליטעט, ווייל די ליבע צו דעם אייגענעם פאָלק נעמט די אויבערהאַנט איבער דער ליבע צו דער קונסט בכלל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן קיין רעכט ניט צו מאַכן זיי אַ פאַר־וואורף אין דעם פּרט. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע פּסיכאָלאָגיע פון אַ דור, וואָס דאַרף אויסשטיין אַ האַרטן קאַמף פאַר דאָס רעכט צו פירן אַן

*) פאָרוואָרט צו יהואשעס איבערזעצונג פון ה. וו. לאָנגפעלאָס „הייאַוואַטאַ“.—רעד.

אייגענעם לעבן, צו „פּאַרפירן זיך״ אַ אייגענע קולטורעלע באַלעבאַטישקייט. דעם פּאַרמער, וואָס דרינגט צום ערשטן מאָל אַריין אין אַ ווילדערניש, איז דאָס אומגעהובלטע קלעצער־הויז, געבויט פון אייגענע הענט, אַ סך טייערער, איידער פּרעמדע מאַרמאָרנע פּאַלאַצן. פאַר דער מוטער איז יעדעס שכלדיק וואָרט פונעם קינד אַ סך טיפער, איידער די גאַנצע וויזהייט פון אַ שלמה־המלך, — און זי איז נוטה צו דערבליקן אין אים גאונות דאָרטן, וואו דער זייטיקער מענטש באַמערקט בלויז סימפּטאָמען פון אַ גאַנץ־געוויינלעכער אַנטוויקלונג. די יידישע שרייבער פונעם איצטיקן דור איז אָבער שווער, כמעט אוממעגלעך, צו שטעלן זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון זייטיקע מענטשן. ניט נאָר פאַרבלענדט אונדז די נאַטירלעכע „מוטער־ליבע״. פון איר כישוף וואָלטן מיר זיך געקאָנט באַפרייען, ווי עס באַפרייט זיך יעדער אינטעליגענטער מענטש, ווען ער וויל אָדער מוז אַ בליק טאָן מיט ניכטערע אויגן אויף די מעלות און חסרונות פון זיין אייגן בלוט־און־פלייש. אונדז פאַרבלענדט דער קאַמף מיט דעם אומגערעכטן שונא. די אויסגערעכנטע שנאה צו דער יידישער ליטעראַטור און אירע טרעגער, די ראַפינירטע לוסט צו מאַכן „תחת חרב״ אַלץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין איר, רופט פסיכאָלאָגיש אין אונדז אַרויס אַן איבערשאַצונג פון איר ווערט. אונדזער ליבע איז שוין ניט קיין נאַטירלעכע, נאָר אַ גערייצטע, אַ נערוועזע, אַ פאַרבלענדטע. מיר קאָנען ניט האָבן קיין אויג אויף די חסרונות און דעם ריכטיקן וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל דער קעגנער ציט זי אַראָפּ ביז צו דער „שאול תחתיה״. איר וואוקס ווערט דעריבער פסיכאָלאָגיש אין אונדז אויסגעמאָסטן ניט לויט איר אייגענער,ווירקלעכער גרויס, נאָר נאָך דער לענג פון דער שטריק, מיט וועלכער מיר דאַרפן זי ווידער אַרויפציען צו דער ליכטיקער זון. איך רעד דאָ ניט וועגן יענער פאַרביסענער, גרין־און־גאַל שפייענדיקער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער צייט אַרויסגעריסן פון דער פען פון אַ באַדייטנדיקן העברייאישן שריפטשטעלער, וואָס טוט אונדז דעם כבוד, פון צייט צו צייט „אַראָפּצונידערן״ אין אונדזער אָרעם שטיבל פון זיין אָלימפּישער הויך. די דאָזיקע פּאָלעמיק האָט אַרויסגעפּלאַצט ערשט ניט לאַנג, און ניט זי האָט געקאָנט האָבן אַ וועלכע עס איז ווירקונג אויף אונדזער ביז־איצטיקער יידישער קריטיק. אָבער די דאָזיקע פּאָלעמיק איז ניט מער ווי אַ סימפּטאָם פון אַ טיפער שטימונג, וואָס הערשט שוין פון לאַנג אָן אין דער „יידיש״־פיינטלעכער אינטעליגענץ — דאָס איז דער אייטער פון אַ וואונד, וואָס איז אָנגעשוואָלן ביסלעכווייז פון לאַנג אָן, פון זינט די יידישע שפּראַך האָט שטאָלץ אויפגעהויבן די פאָדערונג צו ווערן

גלייכבאַרעכטיקט מיט דער „האַרנטע“ (העברייאיש), אָדער גאָר אין גאַנצן פאַרנעמען איר פּלאַץ. די אַטמאָספערע פון שנאה און קנאה האָט תמיד אַרומגערינגלט דאָס וואַקסן פון דער יידישער ליטעראַטור: די שנאה פון דעם אַסימילאַטאָר און די שנאה פון דעם ציוניסט, — זיי ביידע האָבן אונדז געשטערט צו זיין אויסגערעכנטער אין אונדזערע קריטישע אָפּשאַצונגען; זיי ביידע האָבן דורך דעם קאָנטראַסט אַרויסגערופן התפעלותן דאָרטן, וואו אַ באַשיידענערער לשון וואָלט געווען אַ גרעסערע ציר פאַר דעם אמת.

די זעלביקע פּסיכאָלאָגיע פון געררייצטער, נערוועזער און אַביסל פאַרבלענדטער איבערגעגעבנקייט צו דעם אייגענעם שאַפן אין יידיש האָט געמוזט זיך אָפּרופן אויף דעם מעמד פון אונדזער איבערזעצונגס־ליטעראַטור, אויף דער אָפּשאַצונג פון איר ווערט און באַדייטונג. איך קען אַ סך מענטשן, ביי וועמען די בעסטע איבערזעצונג פון אַזאַ ווערק, לאָמיר זאָגן, ווי געטעס „פאַוסט“, וואָלט אַרויסגערופן אַ סך וויניקער התלהבות, איידער אַ נייע גוטע סקיצע פון פּרצן אָדער שלום אַשן. איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב אַליין דורכגעמאַכט אַזאַ פּסיכישן פּעריאָד (איצטער ליגט ער שוין ווייט הינטער מיר) און מיר דוכט, עס איז שוין צייט זיך אָפּצוגעבן אַ ניכטערן דין־וחשבון וועגן איר פּרינציפּיעלער באַרעכטיקונג. איך וויל די פראַגע אַוועקשטעלן אַזוי שאַרף ווי נאָר מעגלעך: וואָס זאָל מיך מער פרייען — אַ גוטע, אמת־קינסטלערישע יידישע איבערזעצונג פון געטעס „פאַוסט“, אָדער די געזאַמלטע שריפטן פון . . . לאָמיר אַרויסלאָזן די נעמען?

איך ווייס, אַז די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינזייטיק, תלמודיש, און קלינגט אַביסל מיט „נפל מן הגג“. אָבער דער איין־זייטיק־פּלפּוליסטישער „נפל מן הגג“ איז אַלע מאָל דער ריכטיקער מעטאָד דאָרטן, וואו דער פאַל מוז כירורגיש אַרויסגעשניטן ווערן פון אַלע איינצלנע מיט־דערשיינונגען, וואָס פאַרטונקלען זיין ריכטיקן „תוך“.

ובכן, נאָך אַ מאָל: זאָל זיין, אַז דער מלאך גבריאל קומט צו מיר און זאָגט בזה הלשון: „איך האָב אין דער איצטיקער צייט נאָר איין־איינציקן שפּראַך־טאַלאַנט. ווילסטו, וועט ער אים אין גאַנצן אַוועקלייגן אויף דער איבערזעצונג פון ‚פאַוסט‘, און דאָס וועט שוין איין מאָל זיין אַן איבערזעצונג! אָבער אויב דו ווילסט, וועט ער שרייבן אייגענע סקיצן און דראַמען, און מיר וועלן דערלעבן צו די ‚געזאַמלטע שריפטן‘ פון . . . לאָמיר אַרויסלאָזן דעם נאָמען. ווי דו וועסט זאָגן, אַזוי וועט עס זיין.“

וואָס זאָל זיין מיין ענטפער?

אָט דאָס דאַרפן מיר איצט באַטראַכטן, און איך רעכן, אַז אַ פאָרוואָרט צו אַ גוטן איראָפּייאישן ווערק איז דער פּאַסנדיקער פּלאַץ דערצו.

## .2

אַלע מאָל, ווען אַן אונטערדריקט פאָלק וואַכט אויף פון זיין היסטאָרישן שלאָף און נעמט זיך בויען אַן אייגענע קולטור אין אַ שפּראַך, וואָס פלעגט נאָר גערעדט ווערן פון דעם נידעריקן המון, זעט די יונגע נאַציאָנאַלע פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ צו פאַרענטפערן זיך פאַר דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק און באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז זי האָט אַ רעכט „צו מאַכן שבת פאַר זיך.״

עס קאָן זיין, אַז דאָס זוכן „היתרים״ פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג איז אין גאַנצן אַן איבעריקע זאַך. אַ פאָלק איז אַ זעלבסט־צוועק, פּונקט ווי אַן איינצל־מענטש. אָבער אויך דער איינצל־מענטש פאַרטראַכט זיך אַ מאָל וועגן דעם זין פון דעם לעבן און קומט אָפּטמאָל צו דעם רעזולטאַט, אַז „טוב לו לאדם שלא נברא משנברא״: בעסער גאָר ניט געבאָרן ווערן אויף דער וועלט. פאַר וואָס זאָל די זעלביקע פראַגע פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם ניט טאָרן אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אויף דאָס לעבן פון פעלקער? מילא, אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין זיין אייגענעם קולטורעלן לעבן, איז אויף אים קיין שאלות ניטאָ. אָבער אַ פאָלק, וואָס דאַרף מיט אַזוי פיל אָנשטרענגונגען ווידער־באַלעבן זיינע כוחות, ניט שוין טאָר מען גאָר ניט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם זין פון די נייע איבעריקע אָנשטרענגונגען, פון דעם נייעם קאַמף און די נייע אָפּער, וואָס ווערן געפאָדערט פון יעדן איינצלנעם? דערמאָנט מען זיך אָן דעם גאַנצן פעקל צרות, וואָס די מענטשהייט איז אויסגעשטאַנען אַדאַנק דעם פאַקט, וואָס זי איז צעריסן אין איינצלנע פעלקער, וועט אונדז גאָר ניט זיין קיין וואונדער, וואָס די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ פילט זיך פאַר־פליכטעט — אַרויסצונעמען אַ „הכשר״ ביי דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק אויף אַן אייגענער נאַציאָנאַל־קולטורעלער עקזיסטענץ.

איך ווייס, אַז דאָס זוכן גופא פון דעם הכשר איז שוין אַ סימן פון אַן אָנגעוואַקסענער לעבנס־ענערגיע, פון אַ דערוואַכטן ווילן צו אַן אייגענעם זיין; אַז „דער ערשטער באַוועגער״ איז דאָ, ווי אומעטום, דער געפיל און אַז די לאָגיק פון דעם הכשר איז מער ניט ווי די פאָרם, אין וועלכער דער געדאַנק ווערט צוגעפּאַסט צו דעם געפיל און האַרמאָניש צונויפגעשטימט מיט אים. אָבער אַזוי איז שוין די טבע פון דעם מענטשלעכן שכל. דער שכל וויל זיך אויסגעבן פאַר דעם באַלעבאָס און איינשמועסן, אַז די געפילן זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין שכלדיקער אַרבעט, און ניט אומגעקערט: אַז ער איז ניט מער ווי דער געשוואָרענער משולח פון די געפילן. און דער

זעלביקער טבע זיינער בלייבט דער שכל טריי אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און דאָ אפשר נאָך מער, איידער אומעטום, ווייל די „קליפּה" פון דעם נאַציאָנאַל־געפיל איז אפשר די שטאַרקסטע לײדנשאַפט, וואָס האָט ווען עס איז געברויזט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

עס וואָלט דעריבער געווען זייער אינטערעסאַנט פאַנאַנדערצופּאַלמעסן אַלע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע „הכשרים", וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט גע־וואָרן ביז אַהער, כדי פּסיכאָלאָגיש אַרויסצודרינגען פון זיי יענע בלינדע נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן. לײדער, געהערט דאָס ניט אין די גרענעצן פון פאָרוואָרט. אויך מוז איך מיך אָפּזאָגן צו ברענגען דאָ באריכות אַלע יענע לאָגישע אַרגומענטן, וואָס זיינען ביז אַהער אַרויס־געשטעלט געוואָרן פון דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון גערדאַנק, ווען אַפילו כמעט אַלע פון זיי האָבן אַ שטאַרקע שייכות צו אונדזער ענין. צוליב מיין ציל וועט זיין גענוג, ווען איך וועל ברענגען נאָר די צוויי גרונט־אַרגו־מענטן, וואָס האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע ביי דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָ־נאַלער אינטעליגענץ, אַלע מאָל, ווען זי האָט געהאַט אין זין צו האַרמאָני־זירן דעם פאַרלאַנג נאָך אַן אייגענער קולטור מיט די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

איין אַרגומענט איז געווען — די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער אייגענער פאָלקס־קולטור. דער אַנדערער אַרגומענט איז געווען — די נויטיקייט צוצוציען די גרויסע מאַסן צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָ־גרעס. דער ערשטער קלינגט מער נאַציאָנאַליסטיש, דער צווייטער — מער קאָסמאָפּאָליטיש.

דער ערשטער אַרגומענט האָט געטענהט, אַז די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור איז אַ גאָרטן פון פאַרשיידענע פעלקער־קולטורן, וואָס דריקן אַלע אויס, אין זייער אייגענער שפּראַך און פאָרם, דעם זעלביקן אַלגעמיין־מענטשלעכן געדאַנק. וואָס רייכער אין איינצלנע פעלקער־קולטורן, אַלץ רייכער דער אַלגעמיין־מענטשלעכער גאָרטן. און דעריבער, ווען מיר זעען, אַז עס וואַקסט אויס נאָך אַ נייע קולטור, דאַרף דאָס אין אונדז אַרויסרופן אַ פרייד־געפיל, ווייל עס ווערט באַשאַפן אַ נייע אַטמאָספערע, אין וועלכער די שטראַלן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע וועלן זיך פאַנאַנדערברעכן אויף אַ באַזונדערן אופן און פאַנאַנדערשפּילן זיך אין פאַרבן, וואָס מען האָט זיי נאָך ערגעץ ניט געזען.

דער צווייטער אַרגומענט איז מער דעמאָקראַטיש און אוטיליטאַריש. די געשיכטע פון די אונטערדריקטע פעלקער אינעם נײנצנטן יאָרהונדערט האָט באַוויזן, אַז די גרויסע מאַסן קאָנען נאָר דעמאָלט צוגעצויגן ווערן

צו אַ העכערער פּראָגרעסיווער קולטור, ווען דערפאַר נעמט זיך איר גאַנצע אינטעליגענץ. זי גיסט איבער דעם גייסטיקן אוצר פון דער מענטשהייט אין אַ שפּראַך, וואָס איז צוגעגגלעך צו דעם גאַנצן פאָלק, און אין פאָרמען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די פאַרשיידענע בילדונגס־מדרגות פון זיינע איינצלנע שיכטן. אמת, אָט די פּעדאַגאָגישע אַרבעט קאָן ניט בלייבן ריין־פּאַסיוו און מעכאַניש. אַפילו אירע נידעריקסטע און פּאָפּולערסטע פאָרמען מוזן אַרויסרופן נייע מער אָדער ווייניקער אָריגינעלע באַשאַפונגס־כוחות, וואָס ברענגען אַריין אַ געוויסע אייגענע שאַטירונג אין דעם באַאַרבעטן מאַטעריאַל. ווער שמועסט שוין פון דער אַרבעט אויף אַ העכערער בילדונג־מדרגה אין קונסט און וויסנשאַפט! דאָרטן מוז דאָס פאָלק, אויב עס האָט נאָר אין זיך אַ פונק פון אייגענעם זשעני, אַרויסברענגען אייגענע גרויסע טאַלאַנטן, וואָס וועלן מוזן איבערשמעלצן די גאַנצע מענטשלעכע קולטור אויף אַן אייגענעם אופן און אַריינגיסן זי אין אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרמען. אָבער דער עיקר איז ניט די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער קולטור. דאָס איז אַ „מהיכא־תיתא״־זאַך, נאָך וועלכער מיר דאַרפן זיך ניט יאָגן. דער עיקר איז די באַשאַפונג פון אַ מענטשלעכער קולטור פאַר אַלע שיכטן פון דעם פאָלק.

ווענדן מיר אָן די צוויי שטאַנדפּונקטן אויף דער פראַגע: איבער־זעצונגען אָדער אייגענעם שאַפן, — קאָן איינעם אויסדוכטן, אַז די פראַגע קאָן פאַרענטפערט ווערן זייער לייכט, עס מאַכט נאָר אויס, אויף וועלכן שטאַנדפּונקט מען שטעלט זיך.

איז אונדזער ציל די אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער קולטור, איז דעמאָלט וויכטיקער פאַר אַלץ דאָס אייגענע שאַפן. מען קאָן ניט דער־וואַרטן, אַז דאָס פאָלק זאָל שוין פון די ערשטע שריט אָן אַרויסברענגען פון זיך די געטעס און די טאָלסטאָיס, די דאַרווינס און די ניוטאָנס; מוז מען זיך באַנוגענען מיט פּראָדוקטן פון אַ קלענערן קאַליבער. אונטער גינסטיקע אומשטענדן וועט די קולטור פון דעם פאָלק זיך שוין אַליין דער־שלאָגן צו יענער הויך, אויף וועלכער דאָס פאָלק איז מסוגל לויט זיין טבע. פון דעם שטאַנדפּונקט קאָנען די איבערזעצונגען ווייניק וואָס אויפטאָן. אדרבה, זיי קאָנען נאָך שאַטן. וואָס געווינט די מענטשהייט דערפון, ווען געטעס „פאַוסט״ וועט עקזיסטירן נאָך אַמאָל אין אַ יידישער וואַריאַציע? איר קולטור־אוצר ווערט דערמיט אויף אַ האָר ניט פאַרמערט, בעת איין פרצעס „צווישן צוויי בערג״ איז שוין אַ גרעסערער אָדער קלענערער צוגאָב צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן קולטור־אוצר. און שאַטן קאָן „פאַוסט״, ווי איבערהויפּט דאָס פרעמדע, דורך דעם, וואָס ער לייגט אַרויף אַ שאַרף־

אויסגעשפּראָכענעם שטעמפּל פון פרעמדן זשעני אויף דער יונגער, נאָך ניט פאַרטיק־אויסגעוואָקסענער שאַפונגס־קראַפט, צווינגט זי אַריין אין פרעמדע פאָרמען און שטערט אויף אַזאַ׳ן אופן איר אייגענער אָריגינעלער אַנטוויקלונג. אייבער, אַ יונגער יידישער שריפטשטעלער, איז קאָנסעקווענט דערגאַנגען צו דער פאָדערונג, מען זאָל זיך אין גאַנצן (אויף אַ געשיכטלעכער ווײַלע) אָפּרייסן זיך און זיך אָפּשליסן סיי פון דעם העברייאישן עבר, סיי פון דעם אייראָפּייאישן היינט, און פּרואוון אָנהויבן וואַקסן אַליין פון זיך אַרויס, ביז אונדזערע שאַפונגס־כוחות וועלן ווערן אַזוי שטאַרק, אַז קיין זאַך פון דער פרעמד וועט ניט קאָנען ברעכן אונדזער אָריגינאַליטעט.

אַ גאַנץ אַנדער ענטפער באַקומט מען, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון צופירן דאָס פאָלק צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן קולטורעלן לעבן. דעמאָלט מוזן מיר אָפּשאַצן די ווערק ניט לויט דער אָריגינאַליטעט, וואָס אין זיי שטעקט, נאָר לויט דעם בילדונגס־אינהאַלט, וואָס זיי טראָגן אַריין אין דעם פאָלקס נשמה, לויט זייער ווערט פאַר אונדז אין דער היים. דאָ האָבן מיר ניט וואָס צו פרעגן, צי איז דאָס ווערק געשאַפן געוואָרן פון אונדז אָדער ניט. אַלץ וואָס די מענטשהייט האָט באַשאַפן, האָט זי באַשאַפן פאַר דער מענטשהייט, און מיר זיינען אַ טייל פון איר. געטעס „פאַוסט״ איז אונדזער „פאַוסט״, און אויב ער פעלט נאָך אונדז, איז געוויס בעסער אָנצוּוואוועגדן אַלע מי, כדי צו קריגן אים, איידער אַרויסצוברענגען פּראָדוקטן, וואָס קאָנען ניט שטיין אויף דער זעלביקער הויך.

אין דער אַרגומענטאַציע פון די צוויי שטאַנדפּונקטן ווייזט זיך אַרויס אַן אינטערעסאַנטער פּאַראַדאָקס: דער מער־נאַציאָנאַליסטישער שטאַנדפּונקט פון אייגענער אָריגינעלער אַנטוויקלונג פאַלט אַריין אין אַ מער־קאָסמאָפּאָליטישער שטימונג, בעת דער „אַלגעמיינער מענטש״ בויט אויף אַ האַרט־נאַציאָנאַליסטישן עגאָאיזם. אין דער אמתן! אַן אָריגינעלע אַנטוויקלונג איז נאָר דעמאָלט אָריגינעל, ווען מען פאַרגלייכט זי מיט די פּראָדוקטן פון די אַנדערע פעלקער. און איר ווערט באַשטייט ניט אין דעם, וואָס אין איר דריקט זיך אויס פריי אונדזער אייגענער „איך״, ווייל אָט דער דאָזיקער אייגענער „איך״ קאָן אפשר זיין אַ צווילינג פון אַן אַנדער פאָלקס־נשמה, און דעמאָלט וועט ער אין זיין אַבסאָלוטער „פרייהייט״ ניט אַרויסברענגען קיין איין ווערטפולן אָריגינעלן שטריך. און פאַר וועמען האָט די אָריגינאַליטעט אַ ווערט? פאַר זיך גופא דאָך ניט, ווייל כל זמן איך לעב אין זיך און פאַר זיך קאָן גאָר מיין אָריגינאַליטעט מיר קיינמאָל ניט קומען צום באַוואוסטזיין. אַ ווערט האָט די אָריגינאַליטעט נאָר פאַר דער גאַנצער איבעריקער מענטשהייט דרויסן פון אונדזער פאָלקס שאַפן,

ווייל אַדאַנק איר ווערט באַרייכערט דער מענטשהייטס אוצר מיט נייע קולטור־פּראָדוקטן, וועלכע זי אַליין וואָלט שוין בשום אופן ניט אַרויס־געבראַכט. צוריק, ווייל דער „צוציער״, וואָס זעט, אַז דער אַלגעמיינער פּראָגרעס זאָל הערשן אין דעם לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק, כמעט גאָר־ניט טראַכטן וועגן דעם באַרייכערן די מענטשהייט מיט מער נאַציאָנאַל־אָריגינעלע פּראָדוקטן. וויכטיק פאַר אים איז נאָר די הויכע קולטורעלע מדרגה אין דער היים, אַלץ איינס, ווי זי זאָל ניט אָפּגעשאַצט ווערן אין דער פרעמד, וואָס עס זאָל ניט זיין איר ראָלע אין דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אוצר.

3.

דער וואָס האָט טיפער שטודירט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, ווייס פון וועלכן מקור עס נעמט זיך אָט דער פּאַראַדאָקס און וואָס איז זיין „יכטיקער זין: די צווי שטאַנדפּונקטן, וועגן וועלכע מיר רעדן, זיינען אין תוך אַריין דער אויסדרוק פון צווי אַרטן נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דאָס זיינען די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס וויל פירן אַן אייגענע קולטורעלע באַלעבאַטישקייט, אַלץ איינס, אין וואָס די באַלע־באַטישקייט זאָל ניט באַשטיין, און די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרשיידנקייט, וואָס וויל, אַז יעדעס פאָלק זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ מיט־גליד פון דער מענטשהייט, אָבער וואָס האָט אַן אייגענעם פּנים און אַן אייגענע באַדייטונג. די צווי אַרטן אינטערעסן קאָנען נאָר אין דער אַבסטראַקטער לאָגיק פּאַנאַנדערגענומען ווערן באַזונדער. אין דער ווירק־לעכקייט זיינען זיי תמיד צונויפגעפּלאָכטן איינאיינעם און רוען אויף דעם שטילן גרונט־געדאַנק, אַז די פּאָלקס־אַנטוויקלונג איז אַ טייל פון דער אַל־געמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס זיי גייען איבער איינע אין די אַנדערע; וואָס דער „נאַציאָנאַליזם״ אָדער דער „קאָסמאָפּאָליטיזם״ נעמט באַלד ביי דעם צד, באַלד ביי דעם אַנדערן די אויבערהאַנט. ווי צונויפגעוויקלט זיי זאָלן אָבער ניט זיין, ווי שווער עס איז פּאַנאַנדערצונעמען זיי אין לעבן, מוז מען דאָך מיט באַשטימטקייט זיך אַליין פאַרענטפערן די פראַגע: וואָס איז פאַר אונדז וויכטיקער: די זעלבסטשטענדיקייט אָדער די אָריגינאַליטעט? די הויכע קולטורעלע מדרגה, אָדער „דאָס אייגענע וואָרט״, ווען אַפילו עס איז נאָך שוואַך און פון קליינער באַדייטונג?

איך מוז מודה זיין, אַז עס איז מיר זייער שווער צו געפינען אַן

אַבסאָלוט־זיכערן פּרוואוו־שטיין, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען רייך־אָביעקטיוו פאַרענטפערן די פראַגע. איך קאָן נאָר רעדן פאַר מיר און פאַר די, וואָס שטייען אויף דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פראַגע, ווי איך. אונדז איז געוויס טייער די אָריגינעלע אַנט־וויקלונג פון דעם יידישן פאָלק און פאַר מיר ווייניקסטנס ליגט דער גאַנצער „היתר", דער גאַנצער זין פון אַן אייגענער פאָלקס־עקזיסטענץ אין יענע נייע פּראָדוקטן, וועלכע אַ באַגאַבט פאָלק מוז אַרויסברענגען פון זיך, ווי־באַלד עס שאַפט זיך אַן אייגענע קולטורעלע אַטמאָספערע. אָבער ווי טייער מיר זאָל דאָס ניט זיין, שטייט ביי מיר אויף דעם ערשטן פּלאַן די העכסטע קולטורעלע מדרגה פון דעם גאַנצן פאָלק, לויט די בילדונגס־גראַדן פון זיינע פאַרשיידענע שיכטן, וואָס קאָנען זיך נאָר אין אַ לאַנגזאַמען אַנט־וויקלונגס־פּראָצעס מער אָדער ווייניקער אויסגלייכן. קודם כל — די זעלבסטשטענדיקייט און דער רייכער אינהאַלט פון דער קולטור! דערנאָך ערשט די דאגה וועגן איר אייגנאַרטיקייט. אָדער ריכטיקער: און אויך דערנאָך ניט געדאגהט וועגן דעם! די אייגנאַרטיקייט מוז אַרויסוואַקסן ביי אַ פאָלק, וואָס האָט אייניקע טויזנט יאָר געלעבט אַ באַזונדער היסטאָריש לעבן און האָט דעריבער אויסגעאַרבעט און גיט איבער בירושה פון דור צו דור אַ געוויסן קערפּערלעך־גייסטיקן אַפּאַראַט, אַ געוויסע נערוון־ און מאַרך־קאָמפּאָזיציע, וואָס מוז אַרויפלייגן איר שטעמפּל אויף איטלעכן אינהאַלט, וועלכן זי וועט באַאַרבעטן.

וועגן פעלקער, וואָס דאַרפן ערשט אָנהויבן זייער היסטאָרישן וועג, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט באַוויזן וואָס זיי קאָנען, מעג מען נאָך אפשר זיין אין ספק, ווי לאַנג עס וועט דויערן ביז אויך זיי וועלן אַרויסברענגען אין זייער מאַרך־ און נערוון־אַפּאַראַט אינטערעסאַנטע אָריגינעלע שטריכן, וואָס וועלן פירן צו אינטערעסאַנטע אָריגינעלע פּראָדוקטן. אָבער אַזעלכע ספיקות קאָנען ניט האָבן קיין פּלאַץ פאַר דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס נעמט זיך איצטער באַשאַפן אַ נייע קולטור־אַטמאָספערע אין דער יידישער שפּראַך. דער באַשטימטער, אָריגינעלער יידישער מאַרך־ און נערוון־אַפּאַראַט איז שוין דאָ אַ פאַרטיקער, און ביישפּילן פון זיין קראַפט און אייגנקייט האָט ער שוין צוגעשטעלט איבערגענוג, סיי אין דעם העברייאישן שאַפן פאַר זיך אין דער היים, סיי אין דעם אייראָפּייאישן שאַפן פאַר דער פרעמד. די פראַגע פון אַן אָריגינעלער אייגענער קולטור אין יידיש הענגט דעריבער ניט אָפּ פון דעם סכום און דער באַדייטונג פון יענע ווערטן, וואָס זיינען שוין באַשאַפן געוואָרן אין איר. וואָלטן מיר היינט נאָך גע־שטאַנען ביי דעם „צאינה וראינה" און די פאָלקס־מעשהלעך, וואָלטן מיר

אויך דעמאָלט געהאַט דאָס זעלביקע רעכט צו פֿאַרפֿירן זיך אויף אַן אייגענער רייכער באַלעבאַטישקייט אין אונדזער פֿאָלקס־שפּראַך ווי איצטער, ווייל אין שאַפֿנדיקע כּוחות איז ביי אונדז קיינמאָל קיין מניעה ניט געווען. די פֿראַגע וואָלט געווען (און זי איז נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרשוואונדן עד היום), צי איז יידיש, ווי אַ שפּראַך, מסוגל איבערצוגעבן די גאַנצע רייכקייט פֿון דער מאָדערנער קולטור, אויפֿהויבן די מדרגה פֿון אונדזער בילדונג אויף דער זעלביקער הויך, אויף וועלכער עס געפֿינט זיך די קולטור פֿון אַלע אַנדערע געבילדעטע און ציוויליזירטע פֿעלקער. די פֿראַגע אָבער קאָן אַ סך לייכטער פֿאַרענטפֿערט ווערן דורך איבערזעצונגען, איידער דורך דאָס אייגענע שאַפֿן.

ווער קאָן וויסן, וויפֿיל געדאַנקען און בילדער, שטימונגען און ניואַנסן עס ווערן פֿון דעם איצטיקן יידישן שרייבער אונטערדריקט, ווייל די שפּראַך גיט אים נאָך ניט די מעגלעכקייט פּינקטלעך איבערצוגעבן אַלץ, וואָס עס טראָגט זיך פֿאַר זיין גייסטיקן אויג? איך ווייס, אַז ניט די שפּראַך איז אין דעם שולדיק, נאָר, ערשטנס, איר נאָך ניט גאַנץ־אַנטוויקלטער צושטאַנד, און צווייטנס — אין נאָך אַ שטאַרקערן גראַד — דאָס, וואָס מיר זיינען אַזוי ווייניק באַקאַנט מיט איר. איך האָב מיך תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַ בקי אין יידישע שפּראַך־מיטלען, אָבער אַז איך לייען אַן אַרטיקל פֿון אונדזער יונגן שפּראַך־ווירטואָז, ש. ניגער, ווער איך פּשוט נשתּומם פֿון דעם שפּרודלענדיקן קוואַל נייע אויסדרוקן און וואָרט־געשטאַלטונגען, וואָס שלאָגט שפּילנדיק און אָן אַן אויפֿהער אין אַלע זיינע בעסערע אַרטיקלען. אָבער ווער גאַראַנטירט מיר, אַז זיין אינעווייניקסטע אידייען־וועלט איז ניט נאָך רייכער אין האַלב־ און פֿערטל־טענער, פֿאַר וועלכע אויך ער קאָן לעת־עתּה נאָך ניט געפֿינען דאָס ריין־יידישע וואָרט?

איבערזעצונגען, אמתע, גוטע, ריין־יידישע פֿון די רייכסטע ווערק פֿון דער מענטשהייט וואָלטן מיט אַמאָל אָפּגעראַמט פֿון דער וועלט די פֿראַגע וועגן דער יידישער שפּראַך־אָרעמקייט, און וואָלטן אין גאַנצן פֿאַרשפּאָרט דעם קינסטלער יענע מי, וועלכע ער מוז איצט אָנווענדן אויף צו באַשאַפֿן אָדער אַנטדעקן דעם נויטיקן יידישן אויסדרוק. די חבלי־לידה פֿון דער שפּראַך וואָלט מען אין גאַנצן געקאָנט איבערגעבן דעם איבערזעצער, און אויב דער מלאך גבריאל וואָלט באמת אַוועקגעשטעלט פֿאַר מיר די אַלטערנאַטיווע: אָדער איבערזעצונגען, אָדער אייגענעם שאַפֿן אויף דער איציקער מדרגה, וואָלט איך אַ רגע ניט געקווענקלט זיך און וואָלט פֿעסט אַרויסגעטראָגן מיין גזר־דין: „איבערזעצונגען!״

און מחמת נאָך אַ וויכטיקערן טעם וואָלט איך געקומען צו דעם

זעלביקן רעזולטאַט. אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור הייסט פֿאַר מיר — דער אייראָפּייִשער קולטור־קרייז. אָט דאָס איז די מענטשהייט, דער העכסטער שטאַפּל פון איר אַנטוויקלונג, און ניט די הונדערטער מיליאָנען, וואָס זייַנען געבליבן דרויסן פון אים, און הינטער אים. אַ פאָלק, וואָס וויל לעבן מיט דער מענטשהייט, אין דער מענטשהייט, מוז זען קודם־כל אַרייַנצונעמען אין זיך אַלע זייַנע אוצרות, די גאַנצע אומגעהויערע עשירות, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין אים פון האָמער אָן ביז אויף דעם הייַנטיקן טאָג; פאַרשטייט זיך, ניט זייַנע טויזנטער קליין־גייסטער, נאָר זייַנע גאונים און קאָריפייען. דאָס הייסט ניט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט אין דער היים, — בפרט ניט דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל אַרייַנגעטראָגן אין דעם זעלביקן אוצר פון דער אייראָפּייִשער קולטור. עס הייסט אָבער, אַז דאָס היימישע מוז האַרמאָניזירט ווערן מיט דעם נייַעם אוצר, אַז ער, דער אייראָפּייִזם, — ווי איך וויל אים אָנרופן מיט איין וואָרט, — מוז ווערן דער באַזיס פון אַ נייַעם אָריגינעלן שאַפן און אַז פון דעם גאַנצן היימישן אוצר זאָלן נאָר יענע עלעמענטן זיך ווייטער אַנטוויקלען, וואָס גייען ניט להיפך צו אים. כל זמן אָט דער געדאַנק וועט ניט אַרייַן אין אונדזער פלייש־און־בלוט, איז אַן עבירה אונדזער גאַנצע מי: אַ נייַע קאָמבינאַציע פון אַזיאַטישער קולטור איז ניט ווערט צו דערבליקן דעם שייַן פון דער זון. אונדזער „יחוס־בריוו, וואָס גרייכט ביז צו די פּיראַמידן“, האָט נאָר דערפאַר אַזאַ אומגעהויערן ווערט, ווייל מיר זייַנען געווען, ווי דאָס האָט הייַנע טיף באַמערקט, „אַ שטיק אייראָפּע, פאַרוואָרפן אין אַזיע“. אַדאַנק דעם, וואָס מיר זייַנען געווען „אַ שטיק אייראָפּע“, האָבן מיר געקאָנט ווירקן אויף דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם מענטשלעכן גייסט; האָט געקאָנט דער אייראָפּייִשער גייסט אַזוי שטאַרק ווירקן אויף אונדז. מיר זייַנען אייראָפּייער, און דאָס אין אונדז, וואָס גייט להיפך צו אייראָפּייִש, מעג פון מייַנעטוועגן שוין הייַנטיקן טאָג גיין לעזאזל!

אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם „אייראָפּייִשן“ שאַפן, אין שטענדיקן נעמען פון אים און געבן אים, זאָל זיך אַנטוויקלען די יידישע קולטור. אָבער דערצו מוז זי קודם־כל שטיין אויף אַן אייראָפּייִשער הויך, באַזיצן דאָס, וואָס די אַנטוויקלטע מענטשהייט פאַרמאָגט שוין איצטער. אָבער דאָס קאָן פון אונדז דערוואָרבן ווערן נאָר — דורך איבערזעצונגען. און אויב מיר וואָלטן די פינף־און־צוואַנציק יאָר אָנגעווענדט אונדזער ענערגיע אויף גוטע איבערזעצונגען, אָנשטאָט אַרויסצוקוועטשן פון אונדזער אָרעמקייט דאָס ביסל „אָריגינאַליטעט“ וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָלטן מיר, כ'לעבן, שוין

געהאַלטן אַ סך ווייטער אין דעם אָריגינעלן שאַפן גופא, איידער מיר זיינען איצט...

איך האָב אַנידערגעלייגט די פעדער און האָב געלאָזן פאַרבייציען פאַרן זכרון די בעסטע זאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן אַביסל קלעמען. ווי? איז מיר לייכט זיך אויסצואיינען מיט דעם געדאַנק, אַז אָט די זאַכן וואָלטן געבליבן ניט געשריבן? ניין, געוויס ניט. און עס וואָלט אויך געווען ניט גאַנץ גערעכט צו מאַנען פון דעם עבר, נאַכסאָל האָט ער בעסער ניט געמאַכט קיין גוטע איבערזעצונגען אויף דעם חשבון פון די אַנדערע זאַכן (אַך! זיי זיינען אַזוי פיל!...). איך טרייסט מיך אָבער מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס, וואָס איז שוין אָנגעשריבן, קאָן קיין טעאָריע ניט אויסמעקן; אַז קיין טעאָריע אין דער וועלט קאָן סיי־ווי־סיי ניט אָפשטעלן דעם שטראָם פון דעם אייגענעם שאַפן. און אַלץ, וואָס איך קאָן, על פי שכל און על פי יושר, דערוואַרטן פון אַ טעאָריע, איז ניט די אָפשטעלונג פון דעם שטראָם פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר זיין באַרייכערונג דורך אַ נייעם צופלוס פון גוטע, טאַלאַנטפולע איבער־זעצונגען. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, פיל האָבן שוין פאַרדינט אַ גוטן נאָמען אויף איר פעלד, און אונדז קאָן עס נאָר פרייען, ווען מיר זעען, אַז אויך אַ שריפטשטעלער פון יהואשעס ראַנג האָט, ניט אויפגעבנדיק זיין אייגענעם שאַפן, אין דער לעצטער צייט אַזוי פיל אויפ־געטאָן פאַר דער יידישער איבערזעצונגס־ליטעראַטור.

4.

פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור האָט יהואש אויסגעקליבן לאַנג־פעלאָס פּאָעמע „הייאַוואַטאַ“ (דער לעזער פאַרשטייט, אַז מיר רעכענען אַמעריקע גייסטיק צו אייראָפּע). פאַר וואָס איז דער גורל אויסגעפאַלן גראָד אויף דאָס ווערק? דערויף איז דער דיכטער ניט מחויב צו געבן אַן ענטפער. ס׳איז לאַנגפעלאָס מזל! יעדעס אַנדערע גרויסע ווערק האָט ניט ווייניקער פאַרדינט דעם כבוד. אָדער ריכטיקער: דאָס יידישע פאָלק פאַרדינט די זכיה צו האָבן אויך יעדע אַנדערע גרויסע ווערק אין זיין ליטעראַטור.

אָבער אויב מען וואָלט אַוועקגעשטעלט די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ מין פּאָעזיע עס נויטיקט זיך איצטער די יידישע ליטעראַטור מער פון אַלץ, וואָלט אפשר פון דעם שטאַנדפּונקט שווער געווען אויסצוקלייבן אַ בעסערע זאַך, איידער „הייאַוואַטאַ“.

וואָס אונדז, שטאָט־ און שטעטל־מענטשן, פעלט, איז די נאַטור און די ליבע צו איר. אין אונדזער גייסטיקן אוצר פעלן, אָדער רעדן נאָך ניט גענוג שטאַרק, יענע שטימונגען, וועלכע וואַלד און פעלד, באַרג און וואַסער רופן אַרויס. עס פעלט דער „ריח השדה״, און גראָד מיט דער פעלד־ און וואַלד־לופט, מיט דעם באַרג־ און וואַסער־גייסט איז אַזוי רייך אָנגעזאַפּט לאָנגפעלאָס דיכטונג.

אָבער אויך דאָס פעלט אונדז (צו קיין גנאי זאָל דאָס אונדז ניט זיין!): דאָס קאָנען אַריינדרינגען אין דאָס לעבן פון אַ פרעמד פאָלק, ניט נאָר מיטן מוח, „על פי טעאָריע״, נאָר מיטן געפיל און מיט דער פאַנטאַזיע. אין אונדזערע געדאַנקען זיינען מיר דאָס קאָסמאָפּאָליטישסטע פאָלק פון דער וועלט. אין דעם געפילס־לעבן אָבער האָבן די צרות אין גלות אַזוי ענג געמאַכט אונדזער נשמה, אַז מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם „ואהבתם את הגר, כי אתם ידעתם את נפש הגר״ (און ליבט דעם פרעמדן, ווייל איר פאַרשטייט דעם פרעמדנס נשמה). מיר האָבן אויפגעהערט צו פאַרשטיין די נשמה פון אַ ניט־יידן, און אונדזער גאַנצער אַטמאָספערע איז אָנגעפילט מיט אַזוי פיל שאָוויניזם, קליינלעכן האַס צו דעם אַנדערן, אַז עס הויבט באַלד אָן אויסצופעלן לופט, מיט וואָס צו אָטעמען... און גראָד צווישן די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן, גראָד צווישן די, וואָס לאָזן פון מויל ניט אַרויס דעם פּזמון: „פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט אייך״, גראָד פון זיי, קאָנט איר אָפטמאָל הערן אַזעלכע דיבורים, אַז, כ׳לעבן, אין דער לופטן הויבט אָן אַרומשוועבן דער שאָטן פון קרושעוואַן... דאָס שטאַמט ניט פון אַ מאַנגל אין טעאָרעטישער בילדונג, דאָס איז אַ רויקייט פון געפיל, וואָס קאָן אויסגעפיינערט ווערן ניט דורך טעאָריעס און מוסר, נאָר דורך דער אַלגעמיין־מענטשלעכער פּאָעזיע. די פּאָעזיע פון אַ פרעמדן פאָלק לערנט אונדז מיטפילן מיט דעם פרעמדן, מיטפרייען זיך און מיט־ליידן מיט אים. אין דעם פּרט איז לאָנגפעלאָס „הייאַוואַטאַ״ איינע פון די ווערטפולסטע זאַכן אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. „הייאַוואַטאַ״ איז אייגנטלעך אַ זאַמלונג פון לעגענדעס, וועלכע די ווילדע אינדיאַנער־שבטים פון נאָרט־אַמעריקע האָבן באַשאַפן. די לעגענדעס זיינען צום טייל נאַטור־מיטאָסן, — איבערנאַטירלעכע דערציילונגען, וואָס זאָלן דערקלערן די אָדער יענע נאַטור־דערשיינונג; צום טייל זיינען זיי אָבער אויך קולטור־מיטאָסן, דערקלערונגען פון יענע וואונדער, וואָס דער פּרימיטיווער מענטש באַגעגנט אין זיין אייגענעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין זיינע קענטענישן און השלמות, וואָס ער קאָן ניט דערקלערן זייער אורשפּרונג. די לעגענדע פון „מאָנדאַמין״, דעם געל־ און גרין־באַקליידטן יונגנמאַן, מיט „די לאָקן

ווייך און גאָלדיק״, ווען „הייאַוואַטאַ״ האָט באַזיגט, געהערט צו דער אַרט קולטור־לעגנדעס. „מאָנדאַמין״ איז ניט קיין אַנדער וועזן, ווי דער מאַיס, וואָס האָט געגעבן די אינדיאַנער די מעגלעכקייט צו לעבן ניט נאָר פון געיעג.

די אַלע לעגענדעס האָט אָבער לאָנגפעלאָ צונויפגרופירט אַרום דער צענטראַל־פיגור פון דעם אינדיאַנישן עפּאָס, דעם מיטהישן העלד „הייאַוואַטאַ״. הייאַוואַטאַ איז דעריבער ניט קיין איינצל־העלד, דאָס איז דאָס גאַנצע אינדיאַנישע פאָלק, די פּערסאָניפיצירונג פון אַלע בעסערע זייטן פון זיין כאַראַקטער און זיין לעבן. ער איז דער אידעאַל פון דעם פאָלק, וואָס שפּיגלט אָפּ אַלץ, וואָס דעם פאָלק איז הייליק און טייער.

אַריינלייגנדיק זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם גאַנצן אינדיאַנער פאָלק, מיטפילנדיק זייערע צרות און ליידן, ווייל דאָס זיינען אין תוך די זעלביקע צרות און יסורים, וואָס פּלאָגן אַלע מענטשן אומעטום, הויבט אָן אין געפיל צו פאַרשווינדן די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, דער פיינט־לעכער היפך צווישן דעם נאַציאָנאַלן „איך״ און דעם נאַציאָנאַלן „דו״. עס וואַקסט אָנשטאָט אים אויס יענער געפיל פון סאָלידאַריטעט, וואָס דאַרף סוף־כל־סוף אַלע פעלקער פאַרבינדן צו איין ברידערלעכער משפחה, אין איין פרייען פעלקער־בונד, וואו יעדעס פאָלק זאָל קאָנען ניט געשטערט אַרויסוויקלען פון זיך אַלץ, וואָס עס וואַקסט אָן אין זיין נשמה, און העלפן יעדן אַנדער פאָלק אין דעם געמיינזאַמען פּראָגרעס פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אין דעם קאַמף פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם קאָסמאָפּאָליט, פאַרגעסן מיר אָפט אויף די געבאָטן פון ברידערלעכער פעלקער־ליבע, אויף דער נשמה פון אונדזער גאַנצן פּראָגרעסיוון גלויבן, אויף דעם „כי היא חייך״ פון אונדזער גאַנצן אידעאַל. אַזעלכע ווערק ווי „הייאַוואַטאַ״ פרישן אָפּ די דאָזיקע נשמה מיט יענעם ריינעם „הומאַניזם״, דער איידעלער ליבע צו דעם מענטשן, וואָס איז ביי לאָנגפעלאָ אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט דער ליבע צו דער נאַטור.

1910

IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

Zhitlowsky, Chaim. "Vegn dem vert fun iberzetsungen," in *Vizye un gedank: Ophandlungen iber shrayber, verk, un shafungs-problemen*, 195-208. Volume 3 of *Ale verk fun doktor Khayim Zhitlovski*. Edited by Nachman Mayzel. New York: YKUF Farlag, 1951.